תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

ב"ה

# שַׁאֲלוֹת אוּן יְדִיעוֹת

## אויף

## פַּרְשַׁת וַיְחִי

נאמען ____________________ נ"י

פַּרְשַׁת וַיְחִי

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

## כִּרְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן יִהְיוּ לִי:

אֶפְרַיִם מְנַשֶּׁה בַּאטְרֶעפְט 726 רְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן בַּאטְרֶעפְט 725, דָאס אִיז וָואס ס'שְׁטֵייט כִּרְאוּבֵן מִיט אַ כ', צוּזָאגְן אַז ס'אִיז אַזוֹי וִוי, אַפִילוּ ס'פֶּעלְט אֵיינְס... (בַּעַל הַטּוּרִים)

רַשִׁ"י זָאגְט אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי סוֹף פוּן דֶעם גָלוּת, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶעהְן אַז בֵּיי דִי נֶעמֶען פוּן זַיינֶע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים "רְאוּבֵן, שִׁמְעוֹן, לֵוִי, יְהוּדָה, יִשָּׂשכָר, זְבוּלֻן, דָן, נַפְתָּלִי, גָד, אָשֵׁר, יוֹסֵף, בִּנְיָמִין" אִיז דָא אַלֶע אוֹתִיוֹת, אוֹיסֶער דִי אוֹתִיוֹת ח' אוּן ט', וָואס דָאס מֵיינְט "חֵטְ" אַ עֲבֵירָה, דֶערִיבֶּער אַז זֵיי הָאבְן נִישְׁט קֵיין עֲבֵירָה קֶען מֶען זֵיי אוֹיסְזָאגְן וֶוען דִי גָלוּת וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן.

אָבֶּער דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז אוֹיךְ נִישְׁטָא בֵּיי זֵיי דִי אוֹתִיוֹת ק' אוּן צ' וָואס דָאס אִיז "קֵץ" דִי סוֹף פוּן דִי גָלוּת, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז מְ'קֶען זֵיי נָאכְנִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי "קֵץ" דֶער סוֹף פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת. (רַבֵּינוּ בְּחַיֵּי)

בס״ד


תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

קרית יואל - בני ברק


## פַּרְשַׁת וַיְחִי

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשֶׁה

רַשִׁ״י זָאגְט אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְזָאגְן פַאר זַיְינֶע קִינְדֶער וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי סוֹף פוּן דֶעם גָלוּת, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶעהְן אַז בֵּיי דִי נֶעמֶען פוּן זַיְינֶע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים "רְאוּבֵן, שִׁמְעוֹן, לֵוִי, יְהוּדָה, יִשָּׂשכָר, זְבוּלֻן, דָן, נַפְתָּלִי, גָּד, אָשֵׁר, יוֹסֵף, בִּנְיָמִין" אִיז דָא אַלֶע אוֹתִיּוֹת, אוֹיסֶער דִי אוֹתִיּוֹת ח' אוּן ט', וָואס דָאס מֵיינְט "חֵטְ" אַ עֲבֵירָה, דֶערִיבֶּער אַז זֵיי הָאבְן נִישְׁט קֵיין עֲבֵירָה קֶען מֶען זֵיי אוֹיסְזָאגְן וֶוען דִי גָלוּת וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן.

אָבֶּער דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶס אִיז אוֹיךְ נִישְׁטָא בֵּיי זֵיי דִי אוֹתִיּוֹת ק' אוּן צ' וָואס דָאס אִיז "קֵץ" דִי סוֹף פוּן דִי גָלוּת, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז מְ'קֶען זֵיי נָאכְנִישְׁט אוֹיסְזָאגְן וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי "קֵץ" דֶער סוֹף פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.

(רַבֵּינוּ בְּחַיֵּי)

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

## פַּרְשַׁת וַיְחִי

# שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי וָוארְט בַּיי זַיין טַייטְשׁ

| | | | |
|---|---|---|---|
| וַיִקְרְבוּ | א | | אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גֶעפִינֶען |
| וַיִקְרָא | ב | | אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ גֶעבְּן |
| אִם נָא מָצָאתִי | ג | | אוּן אִיךְ וֶועל דִיךְ פַארְמֶערְן |
| שִׂים | ד | | אוּן דוּ זָאלְסְט טוּהְן |
| נָא | ה | | אוּן דַיינֶע קִינְדֶער |
| וְעָשִׂיתָ | ו | | אוּן וֶוען אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבְּן |
| אַל נָא תִקְבְּרֵנִי | ז | | אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט |
| וְשָׁכַבְתִּי | ח | | אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען |
| וּנְשָׂאתַנִי | ט | | אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן |
| וּקְבַרְתַּנִי | י | | אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט |
| אָנֹכִי אֶעֱשֶׂה | יא | | אִיךְ בֶּעט דִיךְ |
| וַיִקַח | יב | | אִיךְ וֶועל דִיךְ פְרוּכְטְבַּארְן |
| עִמּוֹ | יג | | אִיךְ וֶועל טוּהְן |
| וַיַגֵּד | יד | | דוּ זָאלְסְט מִיר נִישְׁט בַּאעֶרְדִיגְן |
| הִנְנִי מַפְרְךָ | טו | | זָאלְסְטוּ מִיר טְרָאגְן |
| וְהִרְבִּיתִךָ | טז | | לֵייג |
| וּנְתַתִּיךָ | יז | | מִיט אִים |
| וּמוֹלַדְתְּךָ | יח | | אוּן דוּ זָאלְסְט מִיךְ בַּאעֶרְדִיגְן |

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

| | |
|---|---|
| **וַאֲנִי** | אוּן אִיך יַעֲקֹב<br>כָאטְשִׁיג אִיך בִּין דִיך מַטְרִיחַ מִיט מֵיין קְבוּרָה אָבֶער מִיט דֵיין מַאמֶע רָחֵל הָאבּ אִיך נִישְׁט אַזוֹי גֶעטוּהן, וִוי אַזוֹי דֶען? |
| **בְּבֹאִי** | וֶוען אִיך בִּין גֶעקוּמֶען |
| **מִפַּדָּן** | פוּן פַּדָן אֲרָם |
| **מֵתָה** | אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן |
| **עָלַי** | אוֹיף מִיר |
| **רָחֵל** | דֵיין מַאמֶע רָחֵל |
| **בְּאֶרֶץ כְּנַעַן** | אִין לַאנְד כְּנַעַן |
| **בַּדֶּרֶךְ** | אוֹיפְן וֶועג |
| **בְּעוֹד** | ס'הָאט נָאך גֶעפֶעלְט |
| **כִּבְרַת אֶרֶץ** | אַ מָאס עֶרְד, צְוֵויי טוֹיזְנְט אֵיילְן, וִוי אַ תְּחוּם שַׁבָּת |

בס״ד

**לָבוֹא אֶפְרָתָה** צוּ קוּמֶען קֵיין אֶפְרָת
זָאלְסט נִישְׁט וֶועלְן מֵיינֶען אַז סְ'אִיז
גֶעוֶוען אַ רֶעגְן צֵייט, נֵיין
סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ טְרִיקֶענֶע צֵייט, דִי עֶרְד
אִיז גֶעוֶוען גֶעלֶעכֶערְט אַזוֹי וִוי אַ זִיפֶּער
אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן

**וָאֶקְבְּרֶהָ שָׁם** הָאבּ אִיךְ אִיר דָארְט בַּאעֶרְדִיגְט

**בְּדֶרֶךְ אֶפְרָת** אוֹיפְן וֶועג פוּן אֶפְרָת

**הוּא בֵּית לָחֶם** דָאס אִיז בֵּית לָחֶם

וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעמַאכְט עַל פִּי הַדִיבּוּר דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר אַזוֹי גֶעהֵייסְן זִי זָאל זֵיין צוּ אַ הִילְף צוּ אִירֶע קִינְדֶער, וֵוייל וֶוען נְבוּזְרַאדָן הָרָשָׁע וֶועט פַּארְטְרֵייבְּן דִי אִידְן אִין גָלוּת אַרֵיין, וֶועלְן זֵיי אַדוֹרְךְ גֵיין דִי מַאמֶע רָחֵל'ס קֶבֶר, אוּן זֵיי וֶועלְן שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען, וֶועט דִי מַאמֶע רָחֵל אַרוֹיס גֵיין פוּן קֶבֶר אוּן זִי וֶועט בֶּעטְן אוֹיף זֵיי רַחֲמִים, אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע סְ'אִיז גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן אַ קוֹל אִין הִימְל, רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ רָחֵל וֵויינְט אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער, וֶועט אִיר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְן יֵשׁ שָׂכָר לִפְעוּלָתֵךְ וְשָׁבוּ בָנִים לִגְבוּלָם.

# תַלמוד תורה יטב לֵב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

## נֶעם אַרוּם דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי פָּסוּק וָואס דִי טֵייטְשׁ אִיז:

אַז יוֹסֵף זָאל מַאכְן מִיט יַעֲקֹב אַ אֶמֶת'דִיגֶע גֶענַאדֶע:

וַיִּקְרְבוּ יְמֵי יִשְׂרָאֵל לָמוּת וַיִּקְרָא לִבְנוֹ לְיוֹסֵף וַיֹּאמֶר לוֹ אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל נָא תִקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם:

---

אַז יַעֲקֹב הָאט גֶעבֶּעטְן פַאר יוֹסֵף זָאל אִים שְׁוֶוערְן:

וַיֹּאמֶר הִשָּׁבְעָה לִי וַיִּשָּׁבַע לוֹ וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל עַל רֹאשׁ הַמִּטָּה:

---

אַז יוֹסֵף הָאט גֶעשְׁווָאוִירְן פַאר יַעֲקֹב:

וַיֹּאמֶר הִשָּׁבְעָה לִי וַיִּשָּׁבַע לוֹ וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל עַל רֹאשׁ הַמִּטָּה:

---

אַז יוֹסֵף אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ יַעֲקֹב מִיט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער:

וַיַּגֵּד לְיַעֲקֹב וַיֹּאמֶר הִנֵּה בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל וַיֵּשֶׁב עַל הַמִּטָּה:

---

אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב אִין לוּז:

וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל יוֹסֵף אֵל שַׁדַּי נִרְאָה אֵלַי בְּלוּז בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וַיְבָרֶךְ אֹתִי:

---

אַז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶועט גֶעבְּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר יַעֲקֹב'ס קִינְדֶער:

וַיֹּאמֶר אֵלַי הִנְנִי מַפְרְךָ וְהִרְבִּיתִךָ וּנְתַתִּיךָ לִקְהַל עַמִּים וְנָתַתִּי אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת לְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ אֲחֻזַּת עוֹלָם:

---

## תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


# װער זָאגְט און פַאר װעמֶען זָאגְט מֶען

## נֶעם אַרוּם דִי רִיכְטִיגֶע קֶעסְטְל

| | | |
|---|---|---|
| אִם נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ | יַעֲקֹב פַאר יוֹסֵף | יוֹסֵף פַאר יַעֲקֹב |
| וּקְבַרְתַּנִי בִּקְבֻרָתָם | יַעֲקֹב פַאר יוֹסֵף | יוֹסֵף פַאר יַעֲקֹב |
| אָעֱשֶׂה כִדְבָרֶךָ | יַעֲקֹב פַאר יוֹסֵף | יוֹסֵף פַאר יַעֲקֹב |
| הִשָּׁבְעָה לִי | יַעֲקֹב פַאר יוֹסֵף | יוֹסֵף פַאר יַעֲקֹב |
| וַיְבָרֶךְ אֹתִי | יַעֲקֹב פַאר יוֹסֵף | יוֹסֵף פַאר יַעֲקֹב |
| וְעַתָּה שְׁנֵי בָנֶיךָ הַנּוֹלָדִים לְךָ | יַעֲקֹב פַאר יוֹסֵף | יוֹסֵף פַאר יַעֲקֹב |
| וָאֶקְבְּרֶהָ שָּׁם בְּדֶרֶךְ אֶפְרָת | יַעֲקֹב פַאר יוֹסֵף | יוֹסֵף פַאר יַעֲקֹב |
| בָּנַי הֵם אֲשֶׁר נָתַן לִי אֱלֹקִים | יַעֲקֹב פַאר יוֹסֵף | יוֹסֵף פַאר יַעֲקֹב |
| קָחֶם נָא אֵלַי וַאֲבָרְכֵם: | יַעֲקֹב פַאר יוֹסֵף | יוֹסֵף פַאר יַעֲקֹב |

װער הָאט גֶעזָאגְט פַאר יוֹסֵף "הִנֵּה אָבִיךָ חוֹלֶה"?

(3 תְּשׁוּבוֹת)

- ◇ רְאוּבֵן
- ◇ אֶפְרַיִם
- ◇ בִּנְיָמִין
- ◇ הַמַּגִּיד
- ◇ הַמַּלְאָךְ

װער הָאט גֶעזָאגְט פַאר יַעֲקֹב "הִנֵּה בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ"?

(2 תְּשׁוּבוֹת)

- ◇ רְאוּבֵן
- ◇ אֶפְרַיִם
- ◇ בִּנְיָמִין
- ◇ הַמַּגִּיד
- ◇ הַמַּלְאָךְ

פַארְוָואס קֶען נִישְׁט זַיין אַז אֶפְרַיִם הָאט עֶס גֶעזָאגְט?

(2 תְּשׁוּבוֹת)

- ◇ וַוייל אֶפְרַיִם אִיז מִיט גֶעקוּמֶען מִיט יוֹסֵף
- ◇ וַוייל אֶפְרַיִם הָאט גֶעדַארְפְט זָאגְן בִּנְךָ-אָבִי בָּא אֵלֶיךָ
- ◇ וַוייל אֶפְרַיִם הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זַיין טַאטֶע קוּמְט

בס"ד


# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


# שְׁאֵלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת וַיְחִי

מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

**וָואס הֵייסְט אַ פַּרְשָׁה פְּתוּחָה ?**

◇ וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד - וַיְחִי יַעֲקֹב

◇ וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד---------וַיְחִי יַעֲקֹב

◇ וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד<br>וַיְחִי יַעֲקֹב

**וָואס הֵייסְט אַ פַּרְשָׁה סְתוּמָה ?**

◇ וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד - וַיְחִי יַעֲקֹב

◇ וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד---------וַיְחִי יַעֲקֹב

◇ וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד<br>וַיְחִי יַעֲקֹב

**וִוי אַזוֹי אִיז דִי פַּרְשָׁה ?**

◇ וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד - וַיְחִי יַעֲקֹב

◇ וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד---------וַיְחִי יַעֲקֹב

◇ וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד<br>וַיְחִי יַעֲקֹב

**פַארְוָואס אִיז דִי פַּרְשָׁה סְתוּמָה ?** (2 תְּשׁוּבוֹת)

◇ וֵוייל מְ'הָאט פַארְמַאכְט דִי טוֹיעֶרְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן נְבוּכַדְנֶצַּר הָאט עֶס אַרוּמְגֶענוּמֶען

◇ וֵוייל סְ'אִיז גֶעוָוארְן פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן מִיט דִי הֶערְצֶער פוּן דִי אִידְן פוּן דִי צָרוֹת הַשִּׁיעְבּוּד

◇ וֵוייל סְ'אִיז גֶעוָוארְן פַארְמַאכְט פַאר יַעֲקֹב דִי עֶנְדֶע פוּן דִי גָלוּת

**וִויפִיל יָאר הָאט יַעֲקֹב גֶעלֶעבְּט אִין מִצְרַיִם ?**

◇ צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר

◇ זִיבֶּעצְן יָאר

◇ הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן פֶערְצִיג יָאר

**וִויפִיל יָאר הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעלֶעבְּט ?**

◇ הוּנְדֶערְט צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג יָאר

◇ זִיבֶּעצְן יָאר

◇ הוּנְדֶערְט זִיבְּן אוּן פֶערְצִיג יָאר

**פוּן וֶועמֶען בֶּעט יַעֲקֹב אַז עֶר ווִיל נִישְׁט לִיגְן אִין מִצְרַיִם ?**

◇ פוּן רְאוּבֵן

◇ פוּן יְהוּדָה

◇ פוּן יוֹסֵף

**וָואס בֶּעט יַעֲקֹב פוּן יוֹסֵף ?**

◇ אַז פַּרְעֹה זָאל אִים נִישְׁט מַסְפִּיד זַיין

◇ אַז מְ'זָאל אִים לֵייגְן נֶעבְּן דִי מַאמֶע לֵאָה

◇ אַז מְ'זָאל אִים לֵייגְן נֶעבְּן דִי מַאמֶע רָחֵל

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


# שְׁאֵלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת וַיְחִי

מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

פַאַרְוואס הָאט יַעֲקֹב גֶעבֶעטְן נָאר פוּן יוֹסֵף אַז מְ'זָאל אִים נִישְׁט בַּאעֶרְדִיגְן אִין מִצְרַיִם ?

- ◇ וַוייל מְ'הָאט אִים אַרַיין גֶעוָוארְפְן אִין גְרוּב
- ◇ וַוייל עֶר אִיז דֶער מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ
- ◇ וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער שׁוֹמֵר פוּן תְּפִיסָה

פַאַרְוואס וויל נִישְׁט יַעֲקֹב לִיגְן אִין מִצְרַיִם ? (3 תְּשׁוּבוֹת)

- ◇ וַוייל דִי זַאמְד פוּן מִצְרַיִם וֶועט וֶוערן לַייז
- ◇ וַוייל אִין מִצְרַיִם הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט
- ◇ וַוייל ס'גֵייט זַיין דָארְט צֶעהְן מַכּוֹת
- ◇ וַוייל פַאר תְּחִיַּית הַמֵּתִים וֶועט מֶען זִיךְ דַארְפְן קָאלֶערְן
- ◇ וַוייל דִי מִצְרִיִּים וֶועלְן מַאכְן פוּן אִים אַ גֶעטְשְׁקֶע

וֶוען אִיז יוֹסֵף מִיט זַיינֶע קִינְדֶער גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן יַעֲקֹב ?

- ◇ נָאךְ וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִשְׁנֶה לְמֶלֶךְ
- ◇ נָאךְ וָואס זַיין טַאטֶע הָאט גֶעבֶעטְן אַז עֶר זָאל אִים בַּאעֶרְדִיגְן מִיט זַיינֶע אָבוֹת
- ◇ נָאךְ דִי הוּנְגֶער יָאר

וָואס אִיז טַייטְשׁ וַיִּתְחַזֵּק יִשְׂרָאֵל ?

- ◇ יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעזֶעהְן
- ◇ יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט
- ◇ יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט

אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה ... ?

- ◇ כִּרְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן יִהְיוּ לִי
- ◇ כְּלֵוִי וִיהוּדָה יִהְיוּ לִי
- ◇ כְּיוֹסֵף וּבִנְיָמִין יִהְיוּ לִי

אַוואוּ הָאט יַעֲקֹב בַּאעֶרְדִיגְט רָחֵל ?

- ◇ אִין מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה
- ◇ אִין בֵּית לֶחֶם
- ◇ אִין בְּאֵר שָׁבַע

פוּן וואוּ אִיז יַעֲקֹב גֶעקוּמֶען וֶוען רָחֵל אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן ?

- ◇ פוּן בְּאֵר שָׁבַע
- ◇ פוּן פַּדַּן אֲרָם
- ◇ פוּן לוּז

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

# שְׁאֵלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת וַיְחִי

מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

יַעֲקֹב לֵייגְט זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט אוֹיף ... ?

◇ מְנַשֶּׁה

◇ אֶפְרַיִם

◇ בִּנְיָמִין

פַּארְוָואס ?

◇ וַוייל עֶר אִיז דֶער בְּכוֹר

◇ וַוייל עֶר אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע צַדִיק

◇ וַוייל פוּן אִים וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען מֶער צַדִיקִים

יוֹסֵף הָאט גֶעוָואלְט לֵייגְן דִי רֶעכְטֶע הַאנְט פוּן זַיין טַאטֶע אוֹיף?

◇ מְנַשֶּׁה

◇ אֶפְרַיִם

◇ בִּנְיָמִין

פַּארְוָואס ?

◇ וַוייל עֶר אִיז דֶער בְּכוֹר

◇ וַוייל עֶר אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע צַדִיק

◇ וַוייל פוּן אִים וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען צַדִיקִים

וֶוער הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט מְ'זָאל בַּאעֶרְדִיגְן יַעֲקֹב אִין מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה ?

◇ לָבָן

◇ אֱלִיפַז

◇ עֵשָׂו

פַּארְוָואס שְׁרַייט מֶען דִי וָואךְ שַׁבָּת נָאכְ'ן לֵייעֶנְען חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵק ?

◇ וַוייל מְ'הָאט גֶעעֶנְדִיגְט חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית

◇ וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער נִיטֶל

◇ וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת

פַּארְוָואס פַּאסְט מֶען עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת ?

◇ וַוייל דִי בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גֶעוָוארְן פַּארְבְּרֶענְט

◇ וַוייל נְבוּכַדְנֶאצַר הָאט אַרוּם גֶענוּמֶען דִי שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם

◇ וַוייל עֵשָׂו הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט בַּאעֶרְדִיגְן יַעֲקֹב

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# שְׁאֵלוֹת חֲזָרָה אוֹיף חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית

מַאך אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

וֶועלְכֶע טָאג הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי מֶענְטְשׁ?

◇ יוֹם אֶחָד
◇ יוֹם שְׁלִישִׁי
◇ יוֹם הַשִּׁשִּׁי

ווֶעמֶענְס זֶענֶען דִי דְרֵייא קִינְדֶער שֵׁם חָם יָפֶת ?

◇ אָדָם הָרִאשׁוֹן
◇ נֹחַ
◇ אֱלִיעֶזֶר

פַארְוָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי דְרֵייא מַלְאָכִים?

◇ אֵיינֶער צוּ גֶעבְּן אוֹת ה' פַאר אַבְרָהָם, אֵיינֶער אוֹיסְהֵיילְן אַבְרָהָם, אֵיינֶער אִיבֶּער דְרֵייעֶן דִי שְׁטָאט סְדוֹם.
◇ אֵיינֶער צוּ גֶעבְן אוֹת ה' פַאר שָׂרָה, אֵיינֶער צוּ גֶעבְן אוֹת ה' פַאר אַבְרָהָם, אֵיינֶער אוֹיסְהֵיילְן אַבְרָהָם
◇ אֵיינֶער אִיבֶּער צוּ דְרֵייעֶן דִי שְׁטָאט סְדוֹם, אֵיינֶער צוּ אוֹיסְהֵיילְן אַבְרָהָם, אֵיינֶער צוּ זָאגְן פַאר שָׂרָה אַז זִי וֶועט גֶעבּוֹירְן אַ אִינְגֶל

וָואס אִיז לוֹט גֶעוֶוען פַאר אַבְרָהָם ?

◇ אַ זוּהְן פוּן אַבְרָהָם'ס בְּרוּדֶער
◇ אַ זוּהְן פוּן אַבְרָהָם'ס שְׁוֶועסְטֶער
◇ אַ זוּהְן פוּן שָׂרָה'ס בְּרוּדֶער

אַוואוּ אִיז שָׂרָה נִפְטָר גֶעוָוארְן?

◇ אִין פַּדַּן אֲרָם
◇ אִין בְּאֵר שָׁבַע
◇ אִין קִרְיַת אַרְבַּע

אַוואוּ הָאט מֶען בַּאעֶרְדִיגְט שָׂרָה?

◇ אִין מְעָרַת הַמַכְפֵּלָה
◇ אִין קֶבֶר רָחֵל
◇ אִין בֵּית לֶחֶם

וֶועלְכֶע אוֹת אִיז אַ קְלֵיינֶע אוֹת?

◇ וְלִבְכֹּתָהּ
◇ וְלִבְכֹּתָהּ
◇ וְלִבְכֹּתָהּ
◇ וְלִבְכֹּתָהּ
◇ וְלִבְכֹּתָהּ

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר**

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# שְׁאֵלוֹת חֲזָרָה אוֹיף חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית

מַאךְ אַ סִימָן בַּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

וויפל יָאר אִיז גֶעוֶוען יִצְחָק וֶוען דִי צְווִילִינְג זֶענֶען גֶעבּוֹירְן?

◇ זֶעכְצִיג

◇ פוּפְצִיג

◇ פֶערְצִיג

וויפל יָאר אִיז גֶעוֶוען רִבְקָה וֶוען דִי צְווִילִינְג זֶענֶען גֶעבּוֹירְן?

◇ דְרַיי און זֶעכְצִיג

◇ דְרַיי און צְוָואנְצִיג

◇ דְרַיי און פֶערְצִיג

וָואס הָאט עֵשָׂו פַארְשֶׁעמְט ?

◇ זַיין טַאטֶע

◇ דִי גְזִיד עֲדָשִׁים

◇ דִי בְּכוֹרָה

אִין וֶועמֶענְס צַייטְן אִיז גֶעוֶוען אַ הוּנְגֶער אִין אֶרֶץ כְּנַעַן ?

◇ אִין אַבְרָהָם'ס צַייטְן

◇ אִין יִצְחָק'ס צַייטְן

◇ אִין יַעֲקֹב'ס צַייטְן

וֶוער הָאט צוּגֶענוּמֶען יַעֲקֹב'ס פַארְמֶעגְן ?

◇ עֵשָׂו

◇ לָבָן

◇ אֱלִיפַז

וָואס מַאכְן קוֹדֶם דִי מַלְאָכִים?

◇ אַרָאפּ און נָאכְדֶעם אַרוֹיף

◇ אַרוֹיף און נָאכְדֶעם אַרָאפּ

◇ צְווֵיי מַלְאָכִים גֵייעֶן קוֹדֶם אַרָאפּ און אַנְדֶערֶע צְווֵיי גֵייעֶן קוֹדֶם אַרוֹיף

עֵשָׂו קוּמְט אַנְטְקֶעגְן זַיין בְּרוּדֶער יַעֲקֹב מִיט?

◇ פִיר מֶענְטְשְׁן

◇ פִיר הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן

◇ פִיר און פֶערְצִיג מֶענְטְשְׁן

וֶוען הָאט זִיךְ דֶער שַׂר פוּן עֵשָׂו גֶעקְרִיגְט מִיט יַעֲקֹב?

◇ וֶוען יַעֲקֹב הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט עֵשָׂו

◇ וֶוען יַעֲקֹב הָאט גֶענוּמֶען דִי קְרִיגְלֶעךְ

◇ וֶוען יַעֲקֹב הָאט גֶעשִׁיקְט מַתָּנוֹת פַאר עֵשָׂו

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

# שְׁאֵלוֹת חֲזָרָה אוֹיף חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית

מַאךְ אַ סִימָן בֵּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

וָואס אִיז גֶעוֶוען בֵּיי דִי גְרוּבּ וָואס מְ'הָאט אַרַיין גֶעוָוארְפְן יוֹסֵף?

- ◇ וַואסֶער
- ◇ וַואסֶער מִיט שְׁלֶענְג
- ◇ שְׁלֶענְג

וֶוער זָאגְט פַאר פַּרְעֹה אַז יוֹסֵף וֵוייסְט וָואס אַ חָלוֹם מֵיינְט?

- ◇ שַׂר הָאוֹפִים
- ◇ שַׂר הַמַשְׁקִים
- ◇ אַ דָאקְטֶער

ווִיפְל יָאר אִיז גֶעוֶוען דִי הוּנְגֶער אִין מִצְרַיִם?

- ◇ צְווֵיי יָאר
- ◇ דְרֵיי יָאר
- ◇ פִּינֶעף יָאר
- ◇ זִיבְּן יָאר

וָואס בֶּענְטְשְׁט יַעֲקֹב פַאר מְנַשֶּׁה אוּן אֶפְרַיִם?

- ◇ וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם...
- ◇ יְבָרֶכְךָ ד' וְיִשְׁמְרֶךָ...
- ◇ הַמַּלְאָךְ הַגּוֹאֵל אוֹתִי... יְשִׂמְךָ אֱלֹקִים...

## שְׁרֵייבּ אַרַיין נוּמֶערְן בֵּיי יֶעדֶע פַּרְשָׁה לוֹיט דִי סֵדֶר הַפַּרְשִׁיּוֹת

| | | |
|---|---|---|
| ____ תּוֹלְדוֹת | ____ חַיֵּי שָׂרָה | ____ וַיֵּצֵא |
| ____ נֹחַ | ____ וַיִּשְׁלַח | ____ וַיְחִי |
| ____ מִקֵּץ | ____ וַיֵּשֶׁב | ____ וַיִּגַּשׁ |
| ____ לֶךְ לְךָ | ____ וַיֵּרָא | ____ בְּרֵאשִׁית |

חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק

בס״ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

# קֶעסְטְל רֶעטֶענִיש

פַאנְג אָן צו גֵיין פוּן די אות **ה'** און **י'** וָואס זֶענֶען בֵּיי די זַייטְן די קֶעסְטְלֶעךְ

און טְרֶעף אוֹיס די וֶוערְטֶער:

**הַמַּלְאָךְ הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל רָע יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבֹתַי אַבְרָהָם וְיִצְחָק וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ:**

**יְשִׂימְךָ אֱלֹקִים כְּאֶפְרַיִם וְכִמְנַשֶּׁה**

| ה | | | | | | | | | | | י |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | ר | פ | א | כ | מ | י | ק | ל | א | כ | ש |
| ל | י | נ | ש | ה | ש | מ | ח | ת | י | מ | י |
| א | מ | מ | מ | י | ו | א | ב | ו | א | צ | ר |
| כ | ו | כ | ש | מ | ה | ב | ק | ח | ב | ר | א |
| ה | ג | ו | א | ל | ז | א | ו | צ | י | ה | ה |
| ק | י | ת | ו | א | ח | ר | י | ז | ו | מ | ב |
| ק | מ | ו | מ | ו | י | ק | ד | ג | ו | נ | ר |
| ת | כ | ח | י | ר | ע | נ | ה | ת | ל | ז | ק |
| ק | ל | ר | ע | י | ב | ר | כ | א | ר | ב | ב |

וֶוען מְ'עֶנְדִיגְט דַארְף מֶען צוּזַאמְנֶעמֶען די אַלֶע אִיבֶער גֶעבְּלִיבֶענֶע אוֹתִיוֹת און עֶס אַרַיין שְׁרַייבְּן אִין די קוּמֶענְדִיגֶע קֶעסְטְלֶעךְ וֶועסְטוּ טְרֶעפְן וָואס מְ'זָאגְט די וָואךְ וֶוען מְ'עֶנְדִיגְט צו לֵיינֶען די תּוֹרָה

| | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | | | |

בס״ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

**פַאנְג אָן פוּן דִי אוֹת בּ' וָואס אִיז פוּן אוֹיבְן פוּן דִי קֶעסְטְלֶעך**

**אוּן טְרֶעף אוֹיס דִי סֶדְרוֹת פוּן חוּמֶשׁ בְּרֵאשִׁית:**

# בְּרֵאשִׁית, נֹחַ, לֶךְ לְךָ, וַיֵּרָא, חַיֵּי שָׂרָה, תּוֹלְדוֹת, וַיֵּצֵא, וַיִּשְׁלַח, וַיֵּשֶׁב, מִקֵּץ, וַיִּגַּשׁ, וַיְחִי:

מֶען קֶען גֵייעֶן: גְלַייךְ, אַרוֹיף, אַרָאפּ, רֶעכְטְ'ס, אוּן לִינְקְ'ס, מְ'קֶען זִיךְ אוֹיךְ דְרֵייעֶן אִינְמִיטְן, אָבֶּער שְׁיֵיף קֶען מֶען נִישְׁט גֵייעֶן

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ב | ש | י | ת | נ | ח | ל | ב |
| ר | א | ו | י | י | ר | כ | ל |
| ג | י | ר | ש | ח | א | ר | כ |
| ש | ו | ה | ת | ו | א | י | ו |
| ו | צ | מ | א | ל | ד | ו | ו |
| י | ק | מ | ב | ש | ר | ת | י |
| ח | ל | ח | ו | י | ה | ו | א |
| י | ש | י | ו | א | צ | י | ש |

**וֶוען מְ'עֶנְדִיגְט דִי תַּשְׁבֵּץ דַארְף מֶען צוּזַאם נֶעמֶען דִי אִיבֶּערִיגֶע אוֹתִיוֹת אוּן עֶס אַרֵיין לֵייגְן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע קֶעסְטְלֶעךְ וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ בְּרָכָה וָואס מְ'זָאגְט יֶעדֶע מוֹצְאֵי שַׁבָּת**